# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:29
מוצאי שב"ק.....................6:00

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................שופטים ז'-ח'
בבלי.......................פסחים מ"ט
ירושלמי..................יבמות י"ח
תוספתא..................קרבנות י"ג
רמב"ם...........קידוש החודש ו'


פרשת שמות, כ"ה טבת, מברכים חודש שבט, שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 16 (481)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ עַל מִצְרָיִם אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף, עֶס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַ נֵייעֶר קֶענִיג אוֹיף מִצְרַיִם, וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט יוֹסֵף הַצַּדִּיק. דִי תּוֹרָה הוֹיבְּט דָא אָן דֶערְצֵיילְן דִי שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם, דִי צָרוֹת וָואס דִי אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לַייְדְן אִין מִצְרַיִם, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הוֹיבְּט דִי תּוֹרָה אָן מִיט דֶעם אַז פַּרְעֹה הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט יוֹסֵף הַצַּדִּיק. פַּארְוָואס הוֹיבְּט מֶען אָן פּוּנְקְט מִיט דֶעם?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"א) **אַז דֶער עִיקָר פּוּן אַ אִיד אִיז אֱמוּנַת חֲכָמִים, צוּ גְלֵייבְּן אִין צַדִּיקִים, אוּן צוּ גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן. וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אִין צַדִּיק אוּן פָּאלְגְט וָואס עֶר זָאגְט, דַאן הָאט עֶר אַ קְלָארֶער מֹחַ מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, סֵיי בַּיי זִיךְ אַלֵיין אוּן סֵיי מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרוּם אִים, יֶעדֶער אוֹיף זַיין דַּרְגָּא.**

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים י"ז, י"א) **"לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל"**, דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'הַאלְט זִיךְ בַּיים צַדִּיק, מְ'נֶעמְט זַיינֶע לִימוּדִים אוּן מְ'לֶעבְּט דֶערְמִיט, דוּרְךְ דֶעם גֵייט מֶען אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, מְ'רוּקְט זִיךְ נִישְׁט רֶעכְטְס אָדֶער לִינְקְס, מְ'וֵוייסְט דֶעם רִיכְטִיגְן מִיטְלְמֶעסִיגְן וֶועג, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין יֶעדְן מַצָּב. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אָבֶער נִישְׁט צוּם צַדִּיק, דַאן אִיז זַיין מֹחַ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן בַּיי קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אַ בִּיטֶער לֶעבְּן.

פַאְרשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק וָואס זָאל טַאקֶע פִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג. מְ'דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן אִין אַ פְלַאץ וואו מְ'וֶוערְט אָפְּגֶענַארְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח') אַז מְ'דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֱמֶת'ן צַדִּיק, וָואס קֶען פִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אִים מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים מַאכְן פַאר אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶער אַ קַשְׁיָא, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, אִיז דֶען נִישְׁט בֶּעסֶער צוּ גֵיין גְלַייךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין? דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ דִי אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ גְלֵייבְּן אִין אַ צַדִּיק? דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז אַ אִיד קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, נָאר דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים, נָאר דוּרְךְ אַ צַדִּיק וָואס פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן גוּטְן וֶועג. דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹיפִיל סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, אוּן דֶערְפַאר קֶען אַ מֶענְטְשׁ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר דוּרְךְ אַ צַדִּיק.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח), אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת י"ד, ל"א) **וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמשֶׁה עַבְדּוֹ**, דִי אִידְן הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין זַיין קְנֶעכְט משֶׁה, פְרֶעגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, "אוֹיבּ הָאבְּן זֵיי גֶעגְלֵייבְּט אִין משֶׁה רַבֵּינוּ, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז וֶוער סְ'גְלֵייבְּט אִינֶעם צַדִּיק, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". וַוייל דַוְקָא נָאר דוּרְכְ'ן צַדִּיק קֶען אַ אִיד צוּקוּמֶען צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אִין צַדִּיק, אוּן עֶר פָּאלְגְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר זָאגְט, וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, אוּן אַלֵיין וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קכ"ג).

דֶערְפַאר דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וִוי אַזוֹי סְ'הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם, דִי צָרוֹת וָואס דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעלִיטְן פוּן פַּרְעֹה אוּן דִי מִצְרִיִים, אַז אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְ'ן "אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף", מִיט דֶעם וָואס מְ'הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם יוֹסֵף הַצַּדִּיק, מְ'הָאט אַזוֹי שְׁנֶעל פַארְגֶעסְן דִי אַלֶע טוֹבוֹת וָואס יוֹסֵף הָאט גֶעטוּן פַאר מִצְרַיִם, וִוי פַּרְעֹה אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף יוֹסֵף (בְּרֵאשִׁית מ"א, ל"ט) "אֵין נָבוֹן וְחָכָם כָּמוֹךָ", פוּן דֶעם הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַלֶע צָרוֹת אוֹיף דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, פַּרְשָׁה א', סִימָן ח'), הַיינְט זָאגְט פַּרְעֹה **"אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף"**, עֶר קֶען נִישְׁט יוֹסֵף הַצַּדִּיק, אוּן מָארְגְן וֶועט עֶר זָאגְן **"לֹא יָדַעְתִּי אֶת ה'"**, עֶר קֶען נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם. **וַוייל אַזוֹי גֵייט עֶס, אָן אֱמוּנַת חֲכָמִים, אָן גְלֵייבְּן אִין צַדִּיק, קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

דֶערְפַאר אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה פוּן פַּרְעֹה גֶעוֶוען, הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דֶעם (סוֹטָה י"א.) "נִתְחַכֵּם לְמוֹשִׁיעָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען משֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער מַנְהִיג פוּן דִי אִידְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן גוּט גֶעוואוּסְט אַז אוֹיבּ וֶועלְן דִי אִידְן נִישְׁט הָאבְּן דֶעם אֱמֶת'ן צַדִּיק, וֶועלְן זֵיי קֶענֶען טְשֶׁעפֶּען דִי אִידְן, אוֹיבּ אָבֶער וֶועלְן דִי אִידְן הָאבְּן אַ צַדִּיק, וֶועט עֶר זֵיי סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מִצְרַיִם, אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים, בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֱמֶת'ן צַדִּיק וָואס קֶען אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף אֵייבִּיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שְׁמוֹת תשע"א)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג

מִיר הָאבְּן יֶעצְט אַרַיינְגֶעטְרֶעטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דִי וָואכְן זֶענֶען גָאר שְׁטַארְק מְסוּגָּל אוֹיף תְּשׁוּבָה, אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְּן.

דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ רֶעכְנְט אוֹיס וִויפִיל תַּעֲנִיתִים אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַאסְטְן, אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה בַּאזוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר גֶעוֶוען. אוֹיבּ וֶועלְן מִיר דַארְפְן פַאסְטְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים, הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶענוּג טֶעג אִין לֶעבְּן צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ מָשָׁל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וָואס הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט. דֶער עוֹשֶׁר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ מֶעלְדוּנְג אַז וֶוער עֶס וִויל בָּארְגְן גֶעלְט קֶען קוּמֶען צוּ אִים אוּן בָּארְגְן וִויפִיל מֶען וִויל. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶענוּג מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ אוּן דֶער עוֹשֶׁר הָאט טַאקֶע גֶעבָּארְגְט פַאר יֶעדְן וִויפִיל מֶען הָאט נָאר גֶעוָואלְט, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁרִיבְּן אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אִין זַיין בּוּךְ.

אֵיין טָאג אִיז דֶער עוֹשֶׁר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען זַיינֶע
<<<<<<

## א גוט ווארט

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בִּיסְט גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אָפְּצוּמֶעקְן דַיינֶע זִינְד, חוּץ אֵיין זַאךְ הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ - צוּ פַאסְטְן; זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצא) "וֶוער עֶס וֵוייסְט פוּן מִיר - וָואס דַארְף עֶר פַאסְטְן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן מִיר - וָואס הֶעלְפְט אִים פַאסְטְן"; אַז מֶען וֵוייסְט פוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת צוּ מְתַקֵּן זַיין דִי פְּגָמִים, נָאר מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן מִיט דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְן אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, עֶר וָואלְט נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הִתְבּוֹדְדוּת; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן. זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעטוּן אוּן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דָאס אַלֶעס אָפְּמֶעקְן - וֶועט אַלֶעס וֶוערְן אָפְּגֶעמֶעקְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשע"ט)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַז דֶער טַאטֶע לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, גֵייט דָאס אַרַיין אִין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען פוּנֶעם שִׁיעוּר - פַארְגַאנְגֶענֶעם דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט - אַ תֵּירוּץ אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין שְׁטוּבּ, אַז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זָאל אוֹיךְ לֶעבְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס. אוֹיבּ דֶער מַאן אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה גֵייט דָאס פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַרַיין אִין דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אָבֶער אַז מֶען אִיז אַלֵיינְס אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי, מֶען גֵייט אַרוּם מִיט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אִין דִי אֱמוּנָה, וֶועט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְן בְּעַצְבוּת אוּן מְבֻלְבָּל, אוֹיף אַזַא אוֹפֶן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר דִי וַוייבּ.

דֶער מַאן אִיז דֶער קָאפּ פוּנֶעם מִשְׁפָּחָה אוּן אַלֶעס גֵייט נָאכְן קָאפּ; אִיז מֶען זוֹכֶה מֶען הָאט אַ צַדִּיק וָואס שַׁיינְט אַרַיין אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט אִיז דֶער גַאנְצֶער שְׁטוּבּ אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבּ אוּן אַלֶע הֵייבְּן אָן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, וַוייל וִוי מֶער מֶען הֶערְט פוּנֶעם טַאטֶען וִוי עֶר רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער בּוֹיט זִיךְ אוֹיף דִי אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט, מִיט מַיין מוֹיל פַארְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אִיז דָאס אַלֵיינְס אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען קֶען נָאר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?" עֶנְטְפֶער נִישְׁט: "יָא", נָאר עֶנְטְפֶער: "מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף"; מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ?" עֶנְטְפֶער: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

אַז דוּ ווילְסְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ אֱמוּנָה דַארְפְסְטוּ אַלֵיינְס הָאבְּן אֱמוּנָה, מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּער גֶעבְּן אֱמוּנָה פַאר אַ צְוֵוייטְן נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשׁ מִיט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כה, ח): "טוֹב וְיָשָׁר ה' עַל כֵּן יוֹרֶה חַטָּאִים בַּדָּרֶךְ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל זַיין אַ 'יוֹרֶה חַטָּאִים בַּדֶּרֶךְ', עֶר וִויל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף קוֹדֶם זַיין בַּיי אִים 'טוֹב וְיָשָׁר ה'' עֶר דַארְף וִויסְן בַּיי זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט קִינְדֶער; אַז מֶען וִויל דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זִיךְ אִיבֶּער גֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה. מֶען זֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן כְּסֵדֶר הֶערְן: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; אַז עֶפֶּעס גִיסְט זִיךְ אוֹיס אָדֶער אַז עֶפֶּעס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ, זָאל מֶען הֶערְן: "גַּם זוּ לְטוֹבָה", "וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט"; בַּיים שַׁבָּת טִישׁ דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אֱמוּנָה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, אַזוֹי וֶועט אַרַיין גֵיין אִין זֵייעֶר הַארְץ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.

אוֹיף דַיין שְׁאֵלָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ זַיין בְּשִׂמְחָה; מֶען דַארְף אַרַיין קְלֶערְן אִין דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיטְן מֶענְטְשׁ אוּן אִים דַאנְקֶען אוֹיף יֶעדְן פְּרַט; אַז מֶען אִיז אַ אִיד, אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט, מֶען הָאט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וְכוּ'. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק דִיר אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ; קוּק דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר, דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ מִיט אַ לִיכְטִיג קִינְד, **דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר אוּן וֶועט נָאךְ טוּן מִיט דִיר, וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.**

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד מִיטְן נָאמֶען ר' אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ עָנִי וְאֶבְיוֹן אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין מוֹיל בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ. זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים כְּסֵדֶר פְרֶעגְן: "אַהֲרֹן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ, מִיר הָאבְּן דָאךְ גָארְנִישְׁט?!" פְלֶעגְט עֶר אִיר שְׁטֶענְדִיג עֶנְטְפֶערְן: "דוּ גְלֵייבְּסְט אַז עֶס וֶועט נָאךְ אַמָאל זַיין גוּט? נוּ, אִיךְ בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט; יֶעצְט טַאקֶע הָאבְּן מִיר גָארְנִישְׁט, אָבֶער עֶס וֶועט נָאךְ גוּט זַיין אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, דֶערְפַאר בָּארְג אִיךְ שׁוֹין אוֹיס אַבִּיסְל פוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשע"ט)

>>>>>>

בִּיכֶער אוּן גֶעזֶען אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעבָּארְגְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶער דִי מֶענְטְשְׁן קִימֶערְן נִישְׁט צוּרִיק צוּ קוּמֶען אוּן בַּאצָאלְן דָאס גֶעלְט, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט. צְוִוישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעבָּארְגְט גֶעלְט פוּן דֶעם עוֹשֶׁר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעבָּארְגְט אַבִּיסְל גֶעלְט אוּן עֶר הָאט דָאס אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, דֶער גֶעשֶׁעפְט הָאט אָבֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן דֶעם אַז עֶר קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן פַארְ'ן עוֹשֶׁר. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט דָאס גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן, דַארְף עֶר כָאטְשׁ אַזוֹיפִיל טוּן אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם עוֹשֶׁר אוּן זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְן אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. וֶוען עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם עוֹשֶׁר אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר קֶען נִישְׁט צָאלְן זַיין חוֹב, הָאט אִים דֶער עוֹשֶׁר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס גֵייט מִיר אָן דָאס בִּיסְל גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעבָּארְגְט פוּן מִיר? דָאס אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג. דֶערִיבֶּער, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַרוּמְצוּגֵיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן מִיר בַּאצָאלְן, אֲפִילוּ זֵיי זָאלְן נָאר בַּאצָאלְן אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן זֵייעֶר חוֹב, וֶועט עֶס נָאכְאַלְץ אוֹיסְקוּמֶען טוֹיזְנְטֶער מָאל מֶער גֶעלְט פוּן וִויפִיל דוּ בִּיזְט מִיר שׁוּלְדִיג, אוּן דַאן וֶועל אִיךְ דִיר אִינְגַאנְצְן מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם חוֹב".

מִיט דֶעם מָשָׁל הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְעוֹרֵר זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד אִיז מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע אִידְן, עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אַ סֵפֶר וָואס וֶועט יֶענֶעם מְחַזֵּק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ תְּשׁוּבָה, אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב. וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, וֶועט נִישְׁט אֵייבִּיג פַּאסְטְן פַאר יֶענֶעם מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי וֶוערְטֶער, עֶר וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען אָנְצוּנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, אוֹיךְ קֶען זַיין אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט יֶעצְט אִין דִי גִיסְטֶע צוּ הֶערְן חִיזוּק אָדֶער מוּסָר. וֶוען מֶען גֶעבְּט אָבֶער פַאר יֶענֶעם אַ סֵפֶר, דַאן וֶועט עֶס יֶענֶער אַרַיינְלֵייגְן אִין טַאשׁ; אוּן שְׁפֶּעטֶער, וֶוען קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט זֶען, אוּן וֶוען עֶר וֶועט זַיין אִין דִי גִיסְטֶע, וֶועט עֶר עֶס קֶענֶען לֵיינֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן דָאס וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶועריִקֵייטְן אִין לֶעבְּן, בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ פַארְזוּכְן פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי'ן, קֶען מֶען מִיט דֶעם מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דֶעם אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, מֶען הַאקְט דָאךְ אוּנְטֶער מִיט דֶעם זַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע. עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי מוּט פוּן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דִי חֵשֶׁק צוּ זַיין ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים זֶענֶען מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וַוייל סַיי וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן אִין לֶעבְּן, קֶען עֶר אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם זוּכְן אַלֶע וֶועגְן צוּ שְׁטֶערְן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אוֹיף זִיךְ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז') אַז אֵיידֶער זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם גֶע'טַעֲנָה'ט אַז אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט דָא וָואס צוּ זוּכְן. הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַארְ'ן סַמַ"ךְ מֶ"ם אַז דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר זָאל זִיךְ גֵיין זוּכְן אַן עֵצָה. דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטְן מֶענְטְשׁ אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה...

אוּן דִי עֵצָה אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דָאס, אַז מֶען וֶועט לַאכְן... מֶען וֶועט אוֹיסְלַאכְן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים, מֶען וֶועט חוֹזֵק מַאכְן דֶערְפוּן, אוּן דִי עֵצָה אַרְבֶּעט טַאקֶע זֵייעֶר גוּט... וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אָבֶער מִיט אַן אֱמֶת'דִיגְן בְּלִיק, זֶעט עֶר אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים זֶענֶען מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק אַ אִיד אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים הָאבְּן דֶעם כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ" פַאר זַיין פָאטֶער. אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם סֵפֶר אוּן גֶעזֶען דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן הִתְחַזְּקוּת, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פַאר יֶעדְן אִיד, אוּן מִיט דֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג צוּ מְחַזֵּק זַיין נָאךְ אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ הַפָּצָה וְעֶרֶךְ הִתְחַזְּקוּת. חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תמ"ז)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (צ)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי שְׁמוּעֶסְט אִיבֶּער דֶעם וָואס מְ'זֶעט אֵיין צַדִּיק קְרִיגְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן צַדִּיק.**

אַזוֹי וִוי מְ'קֶען זֶען וֶוען סְ'אִיז דָא אַ שְׁוֶועֶרֶע דִין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, אוּן סְ'קוּמְט אֵיינֶער אוּן רוּפְט זִיךְ אָן, "אִיךְ וֶועל גֵיין נְקָמָה נֶעמֶען אִין אִים, אִיךְ וֶועל מַאכְן אַ דִין מִיט אִים", דוּרְךְ דֶעם שְׁטִילְט עֶר אַיין דִי אַנְדֶערֶע בַּעֲלֵי דִין וָואס זֶענֶען מְקַטְרֵג, וָואס וֶוען זֵיי וָואלְטְן זִיךְ וֶוען גֶענוּמֶען אוֹיף יֶענֶעמְ'ס בֵּיינֶער וָואלְט עֶס יֶענֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְטְרָאגְן, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער וָואס גֵייט נְקָמָה נֶעמֶען פוּן אִים, טוּט אִים גָאר אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה, וַוייל סְ'אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער פַאר אִים צוּ כַאפְּן נָאר פוּן אֵיינֶעם אוּן נִישְׁט פוּן אַלֶע אִינְאֵיינֶעם.

אַזוֹי גֶעפִינֶען מִיר אוֹיךְ בַּיי פִּנְחָס בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן זִמְרִי בֶּן סָלוּא, וָואס וֶוען נִישְׁט פִּנְחָס וָואלְטְן אַלֶע אִידְן פַארְלֶענְדֶעט גֶעוָוארְן חַס וְשָׁלוֹם, נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס פִּנְחָס אִיז אַרוֹיס אוּן הָאט מְקַנֵא גֶעוֶוען קִנְאַת ה', דוּרְךְ דֶעם אִיז אָפְּגֶעשְׁטִילְט גֶעוָוארְן דִי דִין פוּן אַלֶע אִידְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר כ"ה, י"א) "בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם, וְלֹא כִלִּיתִי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקִנְאָתִי".

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דֶעם וָואס גֵייט אַרוֹיס קְרִיגְן אוֹיפְ'ן צַדִּיק, עֶר זָאגְט, "אִיךְ וֶועל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן מַיין שְׁטַארְקֵייט, אִיךְ וֶועל נְקָמָה נֶעמֶען אִין אִים", מִיט דֶעם נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּנֶעם צַדִּיק אַלֶע אַנְדֶערֶע דִינִים.

נָאךְ אַ טוֹבָה טוּט עֶר מִיט דֶעם פַארְ'ן צַדִּיק, וַוייל דֶער צַדִּיק דַארְף דָאךְ גֵיין כְּסֵדֶר הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער פוּן אֵיין דַרְגָא צוּם צְוֵוייטְן, אוּן דַאן פְּרוּבִּירְט מֶען אִים אוֹיס אוֹיבּ עֶר הָאט דִי כּוֹחוֹת צוּ שְׁטֵיין אִין הֵיכַל הַמֶּלֶךְ, אוּן דֶער הֵיכַל הַמֶּלֶךְ אִיז אַ בְּחִינָה פוּנֶעם מוֹיל פוּן צַדִּיק וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן הֵיכָל, וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא דֶעם שֵׁם א-ד-נ-י, וָואס אִיז מַלְכוּת בְּחִינַת פֶּה, וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּקּוּנֵי זֹהַר בְּהַקְדָּמָה, י"ז.) "מַלְכוּת פֶּה". אוּן מִיט דֶעם וָואס אַ צַדִּיק קְרִיגְט אוֹיף אִים, אִיז דָאס אַ נִסָּיוֹן פַארְ'ן אַנְדֶערְן צַדִּיק וָואס מְ'קְרִיגְט אוֹיף אִים, אוֹיבּ עֶר הָאט דִי כּוֹחוֹת צוּ קֶענֶען שְׁטֵיין אִין הֵיכַל הַמֶּלֶךְ, וָואס דָאס אִיז דִי מוֹיל פוּן דֶעם צַדִּיק וָואס קְרִיגְט אוֹיף אִים, אוּן דוּרְךְ דֶעם גֵייט עֶר הֶעכֶער אוּן

<<<<<<




# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי עֶרְקְלֶערְט מֶען פַאר קִינְדֶער אַז מִיר פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי קְרוֹבִים?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיר זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק מִיט דִי בְּרִיוו פוּן "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט אוּנְז זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִין אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה אִיז דָא פִילֶע פֶעטֶערְס אוּן קָאזִינְס אַרוּם אוּן אַרוּם וָואס זֵיי אַלֶע דְרֵייעֶן זִיךְ מִיט סְמַארְטְפָאוּנְס, הָאבְּן קָאמְפְּיוּטֶערְס אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם דֶערְמִיט, זֵיי זָאגְן אַז דִי עֶרְוַואקְסֶענֶע דַארְפְן זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְלוּפְטֶערְן, אוּן דִי קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט הַאלְטְן אַזוֹי פַארְמַאכְט.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר קֶעגְן דֶעם, מִיר הָאבְּן נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן, מִיר ווִילְן נִישְׁט וַוייזְן קַיין ווִידִיאָס פַאר דִי קִינְדֶער. אָבֶער דִי קִינְדֶער טְרֶעפְן זִיךְ אַסַאךְ מִיט דִי קְרוֹבִים, אוּן זֵיי ווִילְן אוֹיךְ זֶען וָואס דִי אַנְדֶערֶע זֶעעֶן.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס מַסְבִּיר זַיין פַאר דִי קִינְדֶער אַז מִיר זֶענֶען אַנְדֶערְשׁ פוּן זֵיי? זֵיי גֵייעֶן דָאךְ אָנְגֶעטוּן פוּנְקְט וִוי אוּנְז, אוּן וִוי אַזוֹי קֶענֶען דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטֵיין אַז מִיר גֵייעֶן אוֹיף אַן אַנְדֶערְן וֶועג?

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אַסַאךְ מִתְפַּלֵל פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט אַז אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ט מֶען נָאר מִיט תְּפִלָּה, אָבֶער מִיר דַארְפְן אוֹיךְ אַן עֵצָה אוֹיף לְמַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין דֶעם עִנְיָן, אוּן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

וואוֹיל זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶר שְׁטוּבּ, אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן אָפְּגֶעהִיטְן אוּן רֵיין.

זֵייעֶר גוּט טוּט אִיר אַז אִיר שְׁטֵייט וַוייט פוּן טֶעלֶעפָאוּנְס אוּן קָאמְפְּיוּטֶער אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן וַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין; אִיר וֶועט הָאבְּן נַחַת אוּן שְׁנַיידְן שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

בְּנוֹגֵעַ וָואס צוּ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶעעֶן בַּיי מִשְׁפָּחָה אַז זֵיי הָאבְּן טֶעלֶעפָאוּנְס, קָאמְפְּיוּטֶערְס וְכוּ' וְכוּ'; וָואס זָאגְט מֶען? וָואס עֶנְטְפֶערְט מֶען? דִי שְׁאֵלָה אִיז אַ כְּלָלִיּוּתְ'דִיגֶע שְׁאֵלָה, עֶס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי טֶעלֶעפָאוּנְס, עֶס אִיז בַּיי אַלֶעס, בַּיי זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת צֶעטֵיילְט זִיךְ דִי מִשְׁפָּחָה, אַ טֵייל זֶענֶען זֵייעֶר אֵיידֶל אוּן אָפְּגֶעהִיטְן אוּן אַ טֵייל זֶענֶען מֶער צֶעפְלוֹיגְן אוּן פְּרַאסְט וְכוּ'; שְׁטֶעלְט זִיךְ דִי פְרַאגֶע, וָואס זָאגְט מֶען פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי פְרֶעגְן 'פַארְוָואס טָארְן מִיר נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן נָאר אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אוּן דִי אַנְדֶערֶע טֵייל פוּן דִי מִשְׁפָּחָה גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן וִוי אַזוֹי זֵיי ווִילְן?' אָדֶער קֶען מֶען הֶערְן קִינְדֶער פְרֶעגְן 'פַארְוָואס טָארְן מִיר נִישְׁט עֶסְן בַּיי דִי פְלַאץ, בְּשַׁעַת אוּנְזֶערֶע פֶעטֶערְס אוּן מוּמֶעס מִיט זֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת עֶסְן יָא דָארְט?' זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִיז עֶס גָאר נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה אוּן עֶס אִיז אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט וַוייזְן קְלָאר פַאר דִי קִינְדֶער אַז דִי אַנְדֶערֶע טוּעֶן קֶעגְן דִי תּוֹרָה, שְׁטֶעלְט זִיךְ דִי פְרַאגֶע, וָואס זָאגְט מֶען? וָואס עֶנְטְפֶערְט מֶען?

דָאס בֶּעסְטֶע אִיז אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער שְׁטֶענְדִיג פוּן הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אִין לֶעבְּן; פוּן הָאבְּן אַ רַב, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי מֶען זָאל זִיךְ פִירְן - אַזוֹי פִירְן מִיר זִיךְ אוּן הֱיוֹת אוּנְזֶער רַב זָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאוּן אוּן קָאמְפְּיוּטֶער אִין שְׁטוּבּ - פָאלְגְן מִיר וָואס אוּנְזֶער רַב זָאגְט, קֶען זַיין אַז דִי אִיבְּרִיגֶע מִשְׁפָּחָה הָאבְּן אַנְדֶערֶע שִׁיטוֹת, אַנְדֶערֶע וֶועגְן וְכוּ'. אוּנְזֶער רַב זָאגְט מִיר זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אוּנְזֶער מוֹרֶה דֶרֶךְ לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן עֶסְן נָאר דִי הֶכְשֵׁר וְכוּ', וְכוּ'.

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַרוֹיפְקוּקְן עֶרְלִיכֶע אִידְן; זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס פִירְט דֶער לֶעבְּן. חַזֶרְ'ט מִיט זֵיי אַז אַ אִיד קֶען נִישְׁט טוּן וָואס מֶען ווִיל, אַ אִיד הָאט דִי תּוֹרָה, מֶען דַארְף גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה אוּן אִין יֶעדְן דוֹר מַאכְן זִיךְ נֵייעֶ שְׁאֵלוֹת אוּן נֵייעֶ סְפֵיקוֹת, דַארְף מֶען הָאבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים יִרְאֵי הַשֵּׁם וָואס זֵיי וַוייזְן אוּנְז וָואס דֶער וֶועג פוּן תּוֹרָה אִיז.

אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים יִרְאֵי הַשֵּׁם, וֶועלְן זֵיי וַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): "דְּרָחִים רַבָּנָן הֲוֵי לֵהּ בְּנִין רַבָּנָן", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "דְּמוֹקִיר רַבָּנָן הֲוֵי לֵהּ חַתְנוּתָא רַבָּנָן", וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אֵיידֶעמֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "דְּדָחִיל מֵרַבָּנָן", אוּן וֶוער עֶס הָאט מוֹרָא פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "הוּא גוּפֵיהּ הֲוֵי צוּרְבָא מֵרַבָּנָן", וֶועט אַלֵיינְס וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; חַס וְחָלִילָה אַוֶועק מַאכְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, חַס וְחָלִילָה שְׁפֶּעטְן פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, דִי אַלֶע וָואס מַאכְן חוֹזֵק פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, שְׁפֶּעטְן פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן - וֶועלְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אַוֶועקְגֵיין פוּן אִידִישְׁקֵייט.

וֶוען מֶען פַארְעֶנְטְפֶערְט אַזֶעלְכֶע פְרַאגֶעס דַארְף מֶען בְּעִיקָר רֶעדְן פוּן זִיךְ, נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן אַנְדֶערֶע; דָאס הֵייסְט, דֶער עִיקָר זָאל מֶען רֶעדְן פוּן הָאבְּן אַ רַב, אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ וָואס עֶר וַוייזְט אוּנְז וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן לֶעבְּן. וָואס וֵוייניגֶער רֶעדְן קֶעגְן דִי אִיבְּרִיגֶע מִשְׁפָּחָה, מֶען קֶען רֶעדְן קֶעגְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן דִי מִשְׁפָּחָה.

אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער פוּן יוּגְנְט אַז 'מִיר הָאבְּן אַ וֶועג וַוייזֶער' - וֶוערְן זֵיי קְלָאר, זֵיי וֶוערְן נִישְׁט צוּמִישְׁט וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַנְדֶערֶע גֵייעֶן אִין אַנְדֶערֶע וֶועגְן. דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אֵיידֶער עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן (בְּרָכוֹת כח:), וֶוען זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבֶּעטְן: "רֶבִּי, לַמְּדֵנוּ אָרְחוֹת חַיִּים", רֶבִּי, אֵיידֶער דֶער רֶבִּי גֵייט אַוֶועק פוּן אוּנְז זָאל אוּנְז דֶער רֶבִּי זָאגְן וִוי אַזוֹי זָאלְן מִיר זִיךְ פִירְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַפָּאר ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "וְהוֹשִׁיבוּם בֵּין בִּרְכֵּי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", אִיר זָאלְט נֶעמֶען אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן, לֶערְנֶען דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

**עצתו אמונה**
**ביי אייער טיר**



סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט
פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך
זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן
**718-387-2691 #3**

>>>>>>

הֶעכֶער פוּן אֵיין דַרְגָא צוּם צְוֵוייטְן. קוּמְט אוֹיס אַז עֶר טוּט אִים גָאר אַ טוֹבָה מִיט דֶעם וָואס עֶר קְרִיגְט אוֹיף אִים.

### שסה

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעם מַאֲמָר (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמ"א) אַז וֶוען סְ'אִיז דָא דִינִים אוֹיף אַ מֶענְטְש אִיז דָא אַמָאל וָואס אֵיין צַדִיק קְרִיגְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן צַדִיק, מִיט דֶעם צִיל אַז דֶער מִדַת הַדִין זָאל זִיךְ אָפְּטוּן פוּן יֶענֶעם.

## שְׁנַת תקס"ב

### שסז

רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל"ה.

### שסח

יוֹם טוֹב סוּכּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל"ג.

### שסט

אִין יֶענֶעם ווִינְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן דִי צַדִיקִים אִיבֶּער צְדָקָה גֶעלְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אַסַאךְ צַדִיקִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי זַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע, אוּן אַסַאךְ צַדִיקִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי זַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק הרה"ק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע.

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ד.

### שע

י"ב שְׁבַט, שַׁבָּת שִׁירָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל"ח.

### שעא

י"ט שְׁבַט, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהֶערְט זָאגְן קַדִישׁ נָאךְ זַיין מַאמֶע.

### שעב

פַאר פּוּרִים הָאט מֶען גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע צוּם מַגִיד פוּן טִירְהָאווִיצֶע זי"ע קֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן. אִיז דֶער מַגִיד גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אֵיידֶעם ר' יִצְחָק, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי"ן, אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר הָאט כְּתָבִים פוּן רֶבִּי"ן.

הָאט עֶר אִים גֶעווִיזְן דִי תּוֹרָה "אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים", וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ב'. דֶער מַגִיד אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן אוֹיף דִי תּוֹרָה? אַז סְ'אִיז זוֹהַר?! סְ'אִיז הֶעכֶער פוּן זוֹהַר. סְ'אִיז תִּקוּנִים?! סְ'אִיז הֶעכֶער פוּן תִּקוּנִים!". אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט דִי מַלְשִׁינִים וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט דִי לָשׁוֹן הָרַע.

### שעג

דֶעמָאלְט הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט ר' שִׁמְעוֹן, אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַיינְקַאסִירְן גֶעלְט פוּן רֶבִּי"ן אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג זַיין שְׁלִיחוּת, עֶר הָאט גֶענוּצְט דֶעם רֶבִּינ'ס גֶעלְט פַאר זִיךְ עֶס אַיינְצוּשְׁטֶעקְן אִין עֶפֶּעס אַ גֶעשֶׁעפְט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר פַארְפַּאטְשְׁקֶעט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאצָאלְן. הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ דַאן אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט, "צוּלִיבּ דֶעם קוּמְט זִיךְ דִיר צוּ פַארְשִׁיקְן". אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז ר' שִׁמְעוֹן אִיז דַאן אַוֶועקְגֶעפָארְן צוּ אַ וַוייטֶע שְׁטָאט, אוּמְגֶעפֶער הוּנְדֶערְט פַּרְסָאוֹת פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, טִיף אִינְמִיטְן רוּסְלַאנְד, וואוּ עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט קַיין אִידְן, נָאר אֵיינְס פוּן טוֹיזְנְט. ר' שִׁמְעוֹן אִיז אַהִינְגֶעפָארְן מִיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן גְלַייךְ צוּרִיק צוּ קוּמֶען, סְ'הָאט זִיךְ אָבֶּער אַזוֹי גֶעפִירְט אַז עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן פַאר דְרֵיי אוּן אַ הַאלְבּ יָאר.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## עטליכע פרישע חתנים אין ישיבה

די בחורים אין ישיבה פרייען זיך מיט די שמחה פון עטליכע פרישע חתנים אין ישיבה די וואך.

הבה"ח חיים ישעי' הי"ו בן מו"ה יודל דעפריס הי"ו פון ענגלאנד, איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה אלימלך שארף שליט"א פון בארא פארק.

הבה"ח שלום יוסף הי"ו בן מו"ה נחמן ניישטיין שליט"א פון בארא פארק, מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים, איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א פון ברסלב, מנהל ישיבתינו הקדושה.

הבה"ח יעקב הלל הי"ו בן מו"ה יואל פארקאש שליט"א פון קרית יואל, גבאי בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל, איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה ישראל מאיר הורוויץ הי"ו פון בארא פארק.

הבה"ח חיים הי"ו בן מו"ה ירמי' צוקער הי"ו פון ירושלים עיה"ק, איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה נחמן שניצער הי"ו פון ירושלים עיה"ק.

די שטימונג אין ישיבה איז גאר פרייליך, יעדער פריידט זיך מיט די פילע שמחות וואס פליסן כסדר, דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל גיין ווייטער און ווייטער, אלע בחורים זאלן זוכה זיין צו טרעפן זייער שידוך בקרוב, און אויפשטעלן שיינע אידישע שטיבער, בתים נאמנים לה' ולתורתו לשם ולתפארת.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די אלע חתנים זאלן מצליח זיין אין לעבן, ס'זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, און ס'זאל ארויסקומען דורות ישרים ומבורכים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## פרישע שיפמענט "אשר בנחל" אין אידיש אנגעקומען אין בית הדפוס

מיט גרויס שמחה האבן אידן אין אמעריקע בכלל, און די מפיצים בפרט, אויפגענומען די פרייליכע נייעס אז עס איז נארוואס אנגעקומען אין בית הדפוס א פרישער שיפמענט פון די איבערגעדרוקטע "אשר בנחל אויף אידיש" מיט הערליכע מפתחות און תוכן הענינים.

טויזנטער אידן זענען זיך מחיה טאג טעגליך מיטן לערנען יעדן טאג עטליכע בריוו אין ספר הקדוש אשר בנחל וואס מוהרא"ש האט געשריבן מיט מסירות נפש, און יעדער וואס לערנט דאס איז עדות ווי עס פלאמט אים אויף דאס הארץ צום אייבערשטן, און עס וועקט אים אויף אז ער זאל זיך נישט פארלאזן אויף קיין מענטשן נאר גלייך לויפן צום אייבערשטן און אים אויסדערציילן אלעס וואס דרוקט אים. עס וועקט אויף דאס הארץ אז נישט קיין חילוק וואס עס איז דורך אויף א מענטש, זאל ער זיך אויפשטעלן און אנהייבן פונדאסניי דינען דעם אייבערשטן.

ווען מען לערנט אין דעם הייליגן ספר שפירט דער מענטש ווי מוהרא"ש רעדט ממש צום אים אין זיין מצב וואו ער פערזענליך געפונט זיך יעצט, און ער טרעפט ענטפערס צו אלע זיינע ספיקות און פלאנטערנישן וואו ער איז אריינגעפאלן.

מוהרא"ש האט זיך אויסגעדריקט אויף דעם ספר גאר גרויסע זאכן, מוהרא"ש זי"ע האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט נאר דרוקן דעם הייליגן ספר, וועט ער האבן א ישועה וואס ער דארף.

ספעציעל די נייע אויפלאגע, מיט הערליכע מפתחות צו קענען גרינג טרעפן חיזוק אויף סיי וועלכער ענין מ'זוכט, א מפתח פון אלע ספרים און צדיקים וואס זענען דערמאנט אינעם ספר, א מפתח פון סיפורי צדיקים, פון תפלות, און נאך. דאס האט געבט גאר א נייעם אויסזען צום הערליכן ספר, מיט וואס אידן זענען זיך זייער מחיה.

**עם ה' חזקו ונתחזקה!**

# סימן טוב ומזל טוב

החתן **חיים ישעי' דעפריס** הי"ו
**וואס איז א חתן געווארן עב"ג למזל טוב**

***

החתן **שלום יוסף ניישטיין** הי"ו
**וואס איז א חתן געווארן עב"ג למזל טוב**

***

החתן **יעקב הלל פארקאש** הי"ו
**וואס איז א חתן געווארן עב"ג למזל טוב**

***

החתן **חיים צוקער** הי"ו
**וואס איז א חתן געווארן עב"ג למזל טוב**

***

מו"ה **העניך אינדיג** הי"ו
**צו די אפשערן פון זיין זון הלל מרדכי נ"י למזל טוב**

***

מו"ה **נתן יוסף בורשטיין** הי"ו **וזוגתו** תחי'
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

די געוואלדיגע זכותים וואס איר האט, מיט'ן פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס לימודים איבער גאנץ ארץ ישראל און איבער די גאנצע וועלט, זאלן אייך ביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, בני ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא


# מלמדים שטיבל

**נייע אפטיילונג!**

**שיעורים אין חינוך, מלמדים שמועסן זיך דורך, חיזוק, עצות, שאלות ותשובות, און נאך.**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 4, 2**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פראבירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**